**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גערעט אין אייער קעשענע: גאווערנער האקול שלאגט פאר צו שיקן פר 8.6 מיליאן ניו יארקערס אן אינפלאציע פארגיטיגונג טשעק אלס ערשטע פארשלאג פון די 2025 סטעיט אוו די סטעיט**

***די פארשלאג וועט צושטעלן 3 ביליאן דאלאר דורך נעמען איבריגע סעילס שטייער פארדינסטן געפירט דורך אינפלאציע און צוריקגעבן די געלט צו אלגעמיינע ניו יארקער***

***$500 באצאלונג פאר פאמיליעס וואס פארדינען ווייניגער ווי $300,000; $300 באצאלונג פאר אינדיווידועלע ניו יארק שטייער-צאלער וואס פארדינען ווייניגער ווי $150,000***

***די גאווארנער האט צוגעשטעלט מער ווי 5.5 ביליאן דאלאר אין צוגעגעבענע צאלונגען, שטייער פארלייכטערונגען און צוריקבאצולונגען זינט זי איז אריין אין אפיס***

אלס איר ערשטע פארשלאג פאר די 2025 סטעיט אוו די סטעיט, האט גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט פארגעשלאגן ניו יארק סטעיט'ס ערשט-מאליגע אינפלאציע צוריקצאלונג, וועלכע וועט צושטעלן 3 ביליאן דאלאר אין דירעקטע צאלונגען צו ארום 8.6 מיליאן ניו יאר שטייער צאלער לענגאויס די סטעיט אין 2025. די נייע צוריקצאלונג וועט שיקן א צאלונג פון $300 צו איינצלנע שטייער-צאלער וואס פארדינען ביז $150,000 א יאר, און א צאלונג פון $500 פאר פאראייניגטע שטייער-אנגעבער וואס פארדינען ביז $300,000 א יאר. די היינטיגע מעלדונג איז איינס פון די פארשידענע פארשלאגן צו העלפן אדרעסירן די קאסט פון לעבן וואס וועט אויפגעדעקט ווערט אלס טייל פון די גאווארנער'ס אנקומענדע סטעיט אוו די סטעיט.

"צוליב אינפלאציע, האט ניו יארק געבערענגט פרעצעדענטלאזע פארדינסטן דורך די סעילס שטייער - יעצט, געבן מיר צוריק די געלטער צו מיטל קלאס פאמיליעס," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיין אגענדע פאר די קומענדיגע יאר וועט זיין שטארק קאנצענטרירט אויף צוריקגעבן געלטער אין אייערע טאשן, און דאס פאנגט זיך אן מיט פארשלאגן אינפלאציע צוריקצאלונג טשעקס פון ביז $500 צו העלפן מיליאנען פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער. עס איז איינפאך: די קאסט פון לעבן איז נאכאלץ צו הויך, און עס קומט זיך פאר ניו יארקערס א ברעיק."

גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארגעשלאגענע אינפלאציע צוריקצאלונג איז אן איין-מאליגע, דירעקטע צאלונג וואס וועט דערגרייכן ניו יארקערס דורכאויס יעדע ווינקל פון די סטעיט, ווי געזען אין די פאלגנדע ראיאנישע צוטיילונג:

| ראיאן | געשאצטע באקומער |
|---|---|
| New York City | 3,645,000 |
| Long Island | 1,344,000 |

| | |
|---|---|
| Hudson Valley | 986,000 |
| Western New York | 620,000 |
| Finger Lakes | 542,000 |
| Capital Region | 502,000 |
| Central New York | 340,000 |
| Southern Tier | 263,000 |
| Mohawk Valley | 208,000 |
| North Country | 163,000 |
| **סך הכל** | **ארום 8.6 מיליאן** |

גאווארנער Hochul (האקול) שלאגט פאר די נייע אינפלאציע צוריקצאלונג צו העלפן אדרעסירן די ווירקונגען פון אינפאלציע אויף די קאסטן פון יעדן-טאג פראדוקטן אין די יארן נאכפאלגנדיג די COVID פאנדעמיק.

אין לעצטע יארן, האט ניו יארק סטעיט געזען וואוקס אין סעילס שטייער פארדינסטן וואס זענען איבערגעשטיגן היסטארישע דורכשניטן. די וואוקס איז געקומען בעיקר דורך פרייז אינפלאציע. אינזין האבנדיג דאס, וועט גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארשלאגט נוצן די איבריגע וואוקס צוצושטעלן אן איין-מאליגע צאלונג צו ניו יארקערס. די צאלונג וועט געגעבן ווערן צו ניו יארק סטעיט שטייער-צאלער אנגעבער אפגעזען פון היים-אייגנטומערשאפט אדער עלטערן סטאטוס.

ניו ארקערס וואס האבן לעצטנס אנגעגעבן שטייער צוריקצאלונגען וועלן זיין בארעכטיגט פאר די צאלונג. שטייער-צאלער וואס זענען סינגל, הויפט פון א הויזגעזינד, אדער פארהייראט און געבט אריין עקסטער, וועלן זיין בארעכטיגט אויב זייער איינקונפט איז נישט געווען מער ווי $150,000. איינוואוינער קאפלס וואס געבן זיך אן צוזאמען וועלן זיין בארעכטיגט אויב זייער איינקונפט איז נישט געווען מער ווי $300,000.

אויב די פארגעשלאגענע אינפלאציע צוריקצאלונג גייט דורך ביי די סטעיט לעגיסלאטור, וועלן צאלונגען ווערן אנגעפאנגען אין הערבסט 2025.

**NYSUT פרעזידענט Melinda Person (מעלינדא פערסאן) האט געזאגט,** "ארבעטנדע פאמיליעס לענגואיס ניו יארק ווייסן אז די יעצטיגע סיסטעמען ארבעטן נישט אפר זיי און NYSUT איז צופרידן אז די גאווארנער הערט זיך צו צו די פאראייניגטע שטימע. מיר מוזן זוכן לעזונגען וואס אדרעסירן די אלץ-שטייגנדע לאך אין איינקונפט און רייכטום צווישן די זייער-רייכע און די איבריגע פון אונז, און די פארשלאג איז א גוטע ערשטע שריט."

**CSEA פרעזידענט Mary E. Sullivan (מערי ע. סוליוועו) האט געזאגט,** "די שטייער צוריקצאלונג איז גוטע נייעס פאר CSEA מיטגלידער וואס פלאגן זיך מיט זייערע פינאנצן. CSEA אפאלדירט גאווארנער Hochul (האקול) פארן טון די ריכטיגע זאך פאר די ארבעטנדע מענטשן פון ניו יארק."

**דיסטריקט קאונסיל 37 דירעקטער עקזעקיוטיוו Henry Garrido (הענרי גארידא) האט געזאגט,** "עס איז קלאר פון די פילע געשפרעכן מיט אונזערע מיטגלידער אז די וואקסנדע קאסט פון לעבן בלייבט די גרעסטע שוועריקייט וואס ארבעטנדע ניו יארקערס האבן. גאווארנער Hochul (האקול) פארשטייט

דאס טיף - און איז איר גוט צו זען ווי זי לייגט אריין אינאוואטיוו אידעען אזוויי ניו יארק'ס ערשט-מאליגע אינפלאציע צוריקצאלונג, וועלכע וועט שאפן נייע וועגן צו אדרעסירן די וואריקונגען פון אינפלאציע און געבן שטארק-נויטיגע פינאנציעלע הילף צו ניו יארקערס. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווארנער צו פאראויסברענגען די וויכטיגע פארשלאג און איך בין דאנקבאר פאר איר אנגייענדע פאקוס אויף די פראבלעם פון צוגענגליכקייט."

**NYS פאבליק איינגעשטעלטע פעדעראציע (Public Employees Federation, PEF) פרעזידענט Wayne Spence (וויין ספענס) האט געזאגט,** "אין זאך אויף וואס אלע ניו יארקערס זענען איינשטימיג איז אז די קאסט פון לעבן איז צו הויך. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארשלאגט פאר א נייע אינפלאציע צוריקצאלונג שטעלט פאר די סארט געדאנקען וואס מיר דארפן צו העלפן פארלייכטערן פאר ניו יארקערס צו לעבן, ארבעטן און אויפהאדעווען א פאמיליע אין אונזער סטעיט. די איניציאטיוו וועט צושטעלן א ביסל דערלייכטערונג אפר ארבעטנדע פאמיליעס און די פאבליק איינגעשטעלטע פון PEF וואס ארבעטן אזוי שווער זיי צו סערווירן. איך בין צופרידן אז די גאווארנער באנעמט זיך מיט די קריטישע פראבלעם און קוק ארויס צו ארבעטן מיט איר און די לעגיסלאטור צוצושטעלן באדייטנדע שטיצע צו די וואס נויטיגן זיך די מערסטע דערין."

**ריטעיל, האלסעיל און דעפארטמענט סטאר יוניאן פרעזידענט Stuart Appelbaum (סטוערט אפעלבוים) האט געזאגט,** "צו פיל ארבעטנדע מענטשן פלאגן זיך דורכצולעבן אין די היינטיגע עקאנאמיע און אין א אוועלט פון שרעקליכע אומגלייכקייט. די מעלדונג וועט צושטעלן נויטיגע פינאנציעלע הילף פאר פילע ארבעטנדע מענטשן לענגאויס אונזער סטעיט, און מיר שטיצן עס פולשטענדיג. די שווער ארבעטנדע ניו יארקערס זארגן זיך יעדן טאג וויאזוי זייערע פאמיליעס קענען איבערלעבן. מיר אפלאדירן גאווארנער Hochul (האקול) פארן זיך קאנצענטרירן און אדוואקאטירן פאר זייערע געברויכן."

**פאראייניגטע וועג פון ניו יארק סיטי (United Way of New York City) י CEO און פרעזידענט Grace Bonilla (גרעיס באנילע) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארגעשלאגענע אינפלאציע צוריקצאלונג איז א קריטישע שריט אין אדרעסירן די צוגענגליכקייט קריזיס וואס באטרעפט אזוי פיל ניו יארקערס. ווי באצייכנט אין אונזער אמת'ע קאסט פון לעבן (True Cost of Living) רעפארט, 50 פראצענט פון ניו יארקערס פלאגן זיך צו דעקן זייערע געברויכן. פארהעכערטע רענט, יוטיליטי בילס, גראסערי פרייזן און טשיילד קעיר קאסטן שטופן פאמיליעס צו זייער ברעכונג-פונקט. מיר האלטן מיט די שוועריקייטן יעדן טאג און די צוריקצאלונג איז דיד סארט פון דירעקטע אינוועסטירונג וואס איז נויטיג צוצושטעלן דערלייכטערונג. מיר זענען זייער דאנקבאר צו די גאווארנער'ס פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו שאפן א מער גלייכע און צוגענגליכע ניו יארק פאר אלעמען."

**FPWA CEO Jennifer Jones Austin (דשעניפער דשאנס אוסטין) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פארן פירן ניו יארק סטעיט און די פאלק, פארן זען אז מיליאנען מענטשן דורכאויס אונזער לאנד, שווער-ארבעטנדע ניו יארקערס פלאגן זיך דורכצולעבן, גיין פאראויס און בלייבן פאראויס און פארן טון עפעס דערצו. די לעצטנס ארויסגעלייגטע, ערשט-מאליגע אמת'ע קאסט פון עקאנאמישע זיכערהייט מאסנאם, דערציילט אונז אז וואס האלט צוריק מענטשן און פאמיליעס פון בליען עקאנאמיש איז צו-ווייניג ריסאורסעס וואס זענען נישט מיטגעגאנגען מייט די מאדערנע, וויכטיגע קאסטן פון לעבן. טוענדיג זאכן צו פארמערן ריסאורסעס צו פאמיליעס אין די סטעיט דורך איניציאטיוון אזוויי פארברייטערטע בארעכטיגקייט פאר טשיילד קעיר שטייער קרעדיטס, שטייער פארלייכטערונגען, שכר לימוד הילף און יעצט, אינפלאציע צוריקצאלונג געלטער, ווייזט די גאווארנער פירערשאפט און שטעלט ניו יארק צו זיין א ביישפיל ווען עס קומט צוצושטעלן פאר אירע איינוואוינער מיט די ריסאורסעס וואס זיי צו פארזיכערן זייער עקאנאמישע צוקונפט, און צו לעבן מיט ווירדע."

**גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) "געלט אין אייער קעשענע" (Money in Your Pockets) אגענדא**

די פארשלאג איז די לעצטע שריט אין גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו העלפן אדרעסירן די קאסן פון לעבן דורך צוריקלייגן געלט אין די טאשן פון ניו יארק'ס לענגאויס די סטעיט.

זינט זי איז אריין אין אפיס, האט די האקול אדמיניסטראציע צוגעשטעלט מער ווי 5.5 ביליאן דאלאר אין צוגעגעבענע צאלונגען, שטייער פארלייכטערונגען און צוריקבאצאלונגען, ווי אויך פארברייטערנדיג צוטריט צו טשיילד קעיר הילף און געצאלטע אפוועזנדהייט פאר פאמיליעס אוןווארטנדע פרויען.

די פארגאנגענע באמיאונגען האבן אריינגערעכנט:

- מער ווי 4 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונגען פאר מיטל-קלאס ניו יארקערס און היימאייגנטומער.
- איבער $600 אין איבריגע צאלונגען פאר פאמיליעס וואס באקומען ניו יארק'ס טשיילד שטייער קרעדיט און די Earned Income שטייער קרעדיט
- פארברייטערטע בארעכטיגטונג פון ניו יארק'ס טשיילד שטייער קרעדיט צו דעקן קינדער אונטער 4 יאר אלט.
- מער צוטריט צו שטיילד קעיר הילף, ווען בארעכטיגטע פאמיליעס צאלן ווייניגער ווי $15 א וואך.
- באלד $600 מיליאן אין גאז שטייער פארלייכטערונג פאר אלגעמיינע ניו יארקערס.
- מער ווי $200 מיליאן דאלאר פאר נאך עסן הילף פאר נידריג-איינקונפט קינדער.
- פארברייטערונג פון ניו יארק'ס שכר לימוד הילף פראגראם ( New York's Tuition Assistance Program) צו מאכן ערציאונג מער צוגענגליך.
- די לאנד'ס ערשט-מאליגע געצאלטע פאר-געבורט אפוועזנדהייט געזעץ, אז ווארטנדע ארבעטער דארפן נישט וועלן ווישן א געהאלט און א אונטערזוכונג.
- פארברייטערונג פון ניו יארק'ס געצאלטע פאמיליעס אפוועזנדהייט פראגראם צו דעקן מער ארבעטער לענגאויס די סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן